ת"ת תורה ויראה
דרב"י מסאטמאר
קרית יואל
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת

# זקניך ויאמרו לך

גליון
תתפ"א
פרשת ויקרא
שנת תשפ"ה לפ"ק

ז׳ תא) עס האט דערציילט אונזער זיידע

**הרה"ח ר׳ יושע העשיל הכהן דרעזנער ע"ה** הכ"מ

## זיך מזכיר זיין מיט א קוויטל אינעם ספר

עס האט מיר דערציילט הרה"ח ר׳ **אברהם שעהנבערגער** ב"ר חיים ע"ה. ער האט אינדערהיים געוואוינט אין סאטמאר, און ער האט **אסאך ארויסגעהאלפן כ"ק הגה"צ רבי משה ארי׳ פריינד זצוק"ל**, וועלכער איז געווען דיין און א ראש ישיבה אין סאטמאר. מיט זיין טאטנס רשות פלעגט ער אים שטיצן מיט געלט וכדומה.

ווען עס איז געקומען די שווערע מלחמה יארן, האט ער ארויסגעהאלפן דעם **רבי׳ן זלה"ה** דורך וואס ער האט געהאט א סערטיפעקאט מיט וואס מ׳האט געקענט ארויספארן קיין אמעריקע אין די שווערע צייטן, און ער איז אריבערגעקומען צום רבי׳ן און געזאגט אז ער איז גרייט אוועקצוגעבן דעם סערטיפעקאט פארן רבי׳ן, אז דער רבי זאל זיך קענען ראטעווען דערמיט. דער רבי האט דאס אבער נישט גענומען פון איהם, וויבאלד ער האט נאר געהאט איינס, און דער רבי האט נישט געקענט אליינס אוועקפארן אנדעם וואס ער זאל מיטנעמען נאך געציילטע מענטשן.

ר׳ אברהם ע"ה האט מיר דערציילט וואס ער האט געהערט פון **רבי משה ארי׳ ז"ל**, אז דער **נאסאדער רב זצוק"ל** האט זיך אמאל גענויטיגט אין א ישועה, אבער ער איז געווען ווייט פון צאנז, און ער האט נישט געקענט פארן צום הייליגן **דברי חיים** זיך מזכיר זיין, האט ער אפגעשריבן א קוויטל און דאס אריינגעלייגט ביי זיך אין לעדל, און ער האט געזאגט "איך בין זיכער אז דער הייליגער רב ליינט דא קוויטל פון דא אויך"...

שפעטער ווען ער איז געפארן קיין צאנז האט ער מיטגענומען דאס קוויטל, און געגעבן פארן דברי חיים, ווען דער צאנזער רב האט אריינגעקוקט אינעם קוויטל האט ער זיך באלד אנגערופן "דאס קוויטל האב איך שוין געליינט..."

אויף דעם סמך האבן זיך אסאך אידן פונעם רבי׳נס חסידים געפירט אין די שווערע מלחמה יארן ווען מ׳האט נישט געקענט צוקומען צום רבי׳ן, אז מ׳האט אפגעשריבן א קוויטל און דאס אריינגעלייגט אין א ספר.

ב. מעשה שהיה נאך די קריג איז ער געבליבן וואוינען אין סאטמאר, עס איז שוין געווען קאמוניסטיש און די אידן האבן דארט אסאך מיטגעמאכט און שווער געליטן, ווען די רעגירונג האט נאכגעפאלגט די אידן און געזוכט צו ארעסטירן ווי מער אידן מיט די קלאגע אז זענען ברעכן אונטער די רעגירונג.

איינמאל דאנערשטאג נאכט אין יאר תש"כ האט מען איהם געכאפט, און געשלעפט אין תפיסה, איידער ער איז ארויס פון הויז האט ער געזאגט פאר זיין פרוי אז זי זאל שרייבן א קוויטל פארן רבי׳ן, נאר אזוי ווי מ׳קען דעם קוויטל נישט שיקן צום רבי׳ן זאל זי דאס ארײנלייגן אינעם ספר "קדושת יו"ט". (דעם רבי׳נס ספרים זענען נאך דעמאלטס נישט ארויסגעקומען לאור עולם).

די רשעים האבן אים איינגעשפארט אין תפיסה אין בוקארעסט, און זיי האבן אים געשלאגן מכות רצח אז ער זאל ארויסגעבן די נעמען פון אנדערע אידן וועמען זיי זאלן קענען אריינעמען אין דעם עסק. אבער ער האט געלייקנט שטיין און ביין, און אוודאי נישט געזאגט קיין שום נעמען.

דערציילט ר׳ אברהם "די גאנצע נאכט האבן זיי מיך געהאלטן און געשלאגן מכות אכזריות אז איך זאל אנהויבן צו רעדן, פלוצלונג זע איך בהקיץ דעם רבי׳ן נעבן מיר, און דער רבי זאגט מיר "אברהם, די גמרא זאגט אין מס׳ מכות "אם לא יגיד ונשא עונו, כיון שהגיד שוב אינו חוזר ומגיד, לייג צו קאפ איך וועל דיר אויסלערנען פשט אין די גמרא "כיון שהגיד" אז דו האסט שוין איינמאל געזאגט פאר די רשעים, "שוב אינו חוזר" זאלסטו נישט צוריק ציעהן, נאר "חוזר ומגיד" זאלסט ווייטער אזוי זאגן, ווייטער לייקענען און גארנישט מודה זיין".

תיכף ומיד איז דער רבי נעלם געווארן פון דארט, און ער האט איהם מער נישט געזעהן, ווי פארשטענדליך האט ער זיך ווייטער פעסט געהאלטן און נישט גערעדט קיין איבריג ווארט.

נאך שבת פלוצלונג קומען די רשעים אריין אין זיין צימער מיט א שמייכל, זיי זאגן אים גארנישט, און מ׳לאזט איהם ארויס פריי.

מיט צוויי יאר שפעטער תשכ"ב איז ער ארויסגעקומען קיין אמעריקע, און ער איז געגאנגען שלום נעמען ביים רבי׳ן. ווען ער איז אריינגעקומען צום רבי׳ן אין שטוב האט דער רבי צוזאמען גערופן יעדן איינעם וואס איז נאר געווען דעמאלטס און שטוב, און ער האט געזאגט "אברהם האט זיך פאר מיר מוסר נפש געווען, ער האט מיר געוואלט געבן א סערטיפעקאט"...

פון דעמאלטס אן האט אים דער רבי אלעמאל שטארק מקרב געווען, ווען דער רבי האט איהם באמערקט ביים טיש האט ער אים געשיקט שיריים מיט א שטארקע קרבות.

איך האב אים געפרעגט צי ער האט אמאל דערציילט פארן רבי׳ן די מעשה ווען ער האט אים געזעהן אין די תפיסה אין בוקארעסט, האט ער געזאגט אז ער האט מערערע מאל געוואלט רעדן צום רבי׳ן דערוועגן, אבער עס האט זיך איהם נישט געפירט קיין געלעגנהייט.

ז׳ תב) עס דערציילט אונזער זיידע

**הרה"ג ר׳ ישראל חיים גוטטמאן שליט"א** ר"מ בישיבה"ק

## ונקדשתי בתוך בני ישראל

איך האב געהערט פון מיין טאטן הגה"ח **רבי איטשע גוטטמאן ז"ל** א מעשה נורא וואס ער האט געזעהן אין די כתבים פון אונזער זיידן **הגה"צ ר׳ ישראל מענדל גאטליעב ז"ל**, בן כ"ק זקנינו **הרה"ק ר׳ חיים יוסף מסטראפקוב זלה"ה**.

דער זיידע רבי ישראל מענדל פלעגט אסאך פארן צו צדיקי הדור, און זייענדיג א כתבא רבא האט ער אפגעשריבן אומצאליגע הערליכע זכרונות מיט א לעבעדיגן שריפט. וואס איך האב נאך זוכה געווען צו ליינען אין דער אלטערהיים. צווישן אנדערע האט ער געשריבן א מעשה נורא, מיט א קעפל "די איינציגסטע מאל אין לעבן וואס איך האב פארפאסט צו דאווענען מנחה".

דערציילט ער אזוי: דאס איז געווען דאס ערשטע מאל וואס ער איז געפארן צו **הרה"ק רבי שלום מבעלזא, דער ערשטער בעלזער רב**, איז ער אנגעקומען קיין בעלזא אין א נאכמיטאג שעה, און ער זעהט אז עס טוט זיך א גרויסער איבערקערעניש אין די שטאט, עס זענען פארזאמלט טויזענטער אידן ולהבדיל גוים, די גאסן זענען פול געפאקט מיט מענטשן. פרעגט ער זיך נאך "וואס גייט דא פאר?", דערציילט מען אים אז דער ארכי-בישאף פון די סביבה איז געווארן געלעמט ל"ע, און ער איז שוין געווען ביי די גרעסטע דאקטורים וואס קענען אים נישט היילן, ביז ער איז געוואויר געווארן אז אין בעלזא איז דא א ׳וואונדער ראבין׳, וואס היילט אויס חולים מיט די האנט, האט ער געשיקט שלוחים פרעגן אויב ער קען קומען צום ׳ראבין׳, און דער בעלזער רב האט געגעבן די הסכמה אז דער גוי זאל קומען, אז עס זאל זיין א קידוש השם. ער האט נאר געבעטן אז ער זאל נישט אריינקומען צו אים אין שטוב, נאר אינדערויסן אויפן גאניק (פארטש).

יעצט דארף דער ארכי-בישאף אנקומען קיין בעלזא, ממילא זענען טויזענטער מענטשן זיך צוזאמען געלאפן צו מיטהאלטן דעם מעמד.

ווען דער זיידע האט געהערט וואס דא טוט זיך האט ער שנעל געכאפט א גוט פלאץ צו קענען מיטהאלטן דעם מעמד נורא. אין די באשטימטע שעה איז אנגעקומען א רייכע קארעטע מיט גלעקלעך, אינעווייניג איז געלעגן דער ארכי-בישאף אויסגעצויגן ווי א פגר. מ׳האט אים ארויפגעטראגן אויפן גאניק פונעם בעלזער רב׳ס שטוב.

דער בעלזער רב קומט ארויס אויפן גאניק, עס האט געהערשט א טויט-שטילקייט אינעם גאנצן ארום, טויזענטער מענטשן זענען געשטאנען אנגעשפיצט מויל און אויערן צו מיטהאלטן דעם מעמד.

הערט מען הויך קולו בקודש פונעם בעלזער רב: "דער בישאף גלייבט אז עס איז דא א באשעפער וואס האט באשאפן די גאנצע וועלט?". דער בישאף האט געשאקלט מיטן קאפ אויף יא,

דער בעלזער רב איז ממשיך: "דו גלייבסט אז ער האט אויסגעוועלט אז די אידישע קינדער זאלן זיין זיין אייגן פאלק פון אלע פעלקער?". דער בישאף האט צוגעשטימט.

"דו גלייבסט אז השי"ת האט זיי געשיקט אין גלות צווישן די גוים, ווייל זיי האבן געזינדיגט פארן אייבערשטן?". יא, ענטפערט דער בישאף.

"דו גלייבסט אז ער וויל מ׳זאל טוהן גוטס פאר זיינע קינדער?", ענטפערט ער ׳יא׳.

"דו נעמסט זיך אונטער אז דו וועסט אכטונג געבן אויף זיינע קינדער, און זיי קיינמאל נישט טוהן שלעכטס", האט ער געענטפערט ׳יא׳.

זאגט דער בעלזער רב "דעמאלטס וואס ליגסטו דא?! שטעל זיך אויף און גיי!". יענע סעקונדע האבן די טויזענטער פארזאמעלטע געזעהן ווי דער בישאף שאקלט זיך, ער שטעלט זיך אויף און גייט אראפ פון בעט. דער בעלזער רב זאגט אים "הייב אן צו שפאצירן הין און צוריק",

נתנדב ע"י הרה"ח ר׳ **יואל ניישטאדט הי"ו** • לעילו נשמת זקינו הרה"ח ר׳ **יושע ב"ר דוד ע"ה** • היארצייט ג׳ ניסן

און ער שפאצירט כאחד האדם.

זאגט אים דער בעלזער רב "יעצט קענסטו אהיים גיין, אבער געדענק וואס מיר האבן גערעדט"...

שרייבט ווייטער דער זיידע "אינצווישן איז געווארן נאכט, און כ'האב זיך געכאפט אז איך האב פארפאסט מנחה, און איך האב געדארפט דאווענען צוויי שמונה עשרה'ס ביי מעריב, אבער דער קידוש ה' וואס איך האב מיטגעלעבט איז געווען למעלה מן המשוער".

ז' תג) תלמידים דערציילן איבער אונזער זיידע
**הגה"צ ר' שמואל דוד טויב ז"ל הכ"מ** אב"ד בריד

## מיצר בצרתן של ישראל

איך האב געהאט די זכי' צו לערנען ביי מו"ר **הרה"ג ר' שמואל דוד טויב זצ"ל** אין די ישיבה קטנה, א רבי, א מורה דרך, א מגיד שיעור, וואס "הוא היה אומר", ער איז אונז געבליבן אין זכרון אויף אייביג, זיינע הנהגות, זיינע דיבורים באגלייטן אונז אויך היינט צענדליגער יארן שפעטער.

כ'וועל דערציילן עטליכע קליינע פרטים:

א. אונזער ישיבה איז געווען אויף ראטלידזש סט. קעגן איבער די 'הצלה גאראדזש'. מטבע הדברים האבן מיר כסדר געהערט בשעת'ן לערנען ווי די 'הצלה גאראדזש' עפנעט זיך, און די אמבולאנסן פליעהן ארויס מיט שרייענדע סירינעס. און די יונגע בחורים פלעגן לויפן צו די פענסטער קוקן אויף די אמבולאנסן.

צווישן אונזערע חברים אין כיתה ט' איז געווען א טייערער חבר הב' היקר יואל ע"ה ב"ר שאול הי"ו בערגער, וועלכער איז ליידער אוועק געריסן געווארן פון אונז אין זיינע יונגע ימי הבחרות, און מיר האבן געמאכט די ערשטע יארצייט סעודה אלס בחורים אין די ישיבה קטנה.

אונזער מגיד שיעור הרה"ג ר' שמואל דוד ז"ל האט גערעדט ביי די מסיבה, און די נושא איז געווען די נקודה פון 'נושא בעול עם חברו', און מיט שפירן יענעמס צער און ווייטאג.

האט ער זיך באצויגן צו דעם מציאות אז ווען מ'הערט אן אמבולאנס פייפן פונעם 'הצלה גאראדזש' לויט יעדער צום פענסטער קוקן אויפן אמבולאנס, האט ער געזאגט בתוך הדברים מיט זיין אייגנארטיגן הארציגן נשמה שפראך, וואס האט געצילט צום פינטל **"אנשטאט צו לויפן צום פענסטער קוקן אויפן אמבולאנס, דארף מען כאפן א תהלימ'ל יעדעס מאל וואס מ'הערט אן אמבולאנס פייפן, און זאגן א קאפיטל תהילים אז דער איד צו וועמען מ'פארט יעצט זאל האבן א רפואה שלימה, דאס מיינט מיטגעשפירט בצערתן של ישראל".**

מה אומר ומה אדבר, עס איז אריבער 30 יאר פון דעמאלטס - מעגליך אז נאך אנדערע חשוב'ע אידן האבן געזאגט די זעלבע ווערטער - אבער מיט דעם 'הארץ' מיט די 'נשמה' מיט דעם 'אמת' ווי אזוי רבי שמואל דוד האט דאס געזאגט, דאס האט קיינער נישט געזאגט און נישט געקענט...

"זייט דעמאלטס, ווען איך הער אן אמבולאנס פייפן אין וויליאמסבורג נעם איך ארויס מיין תהילמ'ל און איך זאג א קאפיטל - און ב"ה היינט זענען מיינע קינדער שוין אויך ערצויגן אויף דעם אופן - "אן אמבולאנס פייפט אין וויליאמסבורג, דאס מיינט אז א היימישע משפחה איז שרוי בצער, אנשטאט לויפן צום פענסטער, זאג א קאפיטל תהילים", דאס האב איך געלערנט פון מיין הייליגן רבי'ן רבי שמואל דוד זצ"ל".

ב. דער לאנג-יעריגער מלמד ומחנך הרה"ח ר' **חיים הערש גאלד** שליט"א דערציילט: לאנגע יארן האב איך געהאט די זכי' צו זיין א שכן טוב אין קאנטרי מיט הגה"צ רבי **שמואל דוד** זצ"ל, איך געדענק ווי ביי א דרשה האט ער גערעדט פון מצות כיבוד אב ואם, האט ער געזאגט **"ווען מ'רעדט מיט א טאטן אויפן טעלעפאן, און מ'בא'קומט אינמיטן א ביפ' טאר מען נישט נעמען דעם 'ביפ'.**

ג. עס שרייבט א תלמיד: מיר האבן געלערנט ביי מו"ר הגה"צ רבי שמואל דוד, כמובן אז מיר האבן געהאט דעם גרעסטן דרך ארץ און יראת הכבוד, אבער פארט זענען מיר געווען יונגע בחורים, און מ'האט זיך צומאל ערלויבט צו ווערטלען אין זיין געגנווארט. ווען איך האב חתונה געהאט האב איך אים געשיקט א חתונה בריוול און צוגעשריבן עטליכע ווערטער אז ער זאל מיך מוחל זיין אויב מיר האבן פוגע געווען בכבודו.

ער איז נישט געקומען צו די חתונה, זייענדיג כלוא בבית נאך אן אפעראציע, אבער א קורצע צייט דערויף האב איך באקומען פון אים א בריוו בכתב ידו, אדרעסירט צו מיין טאטן שליט"א:

לכבוד הרב ר' ...

מאד מאד שמחתי בשמחתכם, ויה"ר שתראו דורות ישרים מבורכים לנצח נצחים, אבל על זה דוה לבי שמאז אני כלוא בבית מאחר הניתוח, אבל בעזהשי"ת שמחתכם ישפיעו גם עלי רפואות וישועות שמרגישים כל יום הטבה מעט מעט בעזהי"ת.

**מה שקבלתי פתקא מהחתן, איני יודע מה עשה נגדי, אבל איני מחכה עד עכשיו אלא כל ערב אנו אומרים "הריני מוחל לכל מי שהכעיס והקניט אותי".**

די ריינע הייליגע ווערטער טרייסלען הערצער. (המשך בגליון הבעל"ט)

ז' תד) עס דערציילט אונזער זיידע
**הרה"ח ר' יושע מענדלאוויטש שליט"א** משב"ק

## דער שושן פורים טיש ביים רבי'ן ז"ל (המשך)

א. דער סיגעטער רב - כ"ק מרן רבינו הברך משה זלה"ה - פלעגט קומען יעדעס יאר צום שושן פורים טיש, און ער איז אלץ געזעסן דער ערשטער, ער האט מיטגענומען זיינע קליינע קינדער, און האט געהאלטן אויפן שויס בנו הגדול יבלח"ט **מרן רבינו שליט"א**, אזוי איז אויסגעקומען אז רבינו שליט"א איז געזעסן ממש נעבן רבי'ן זי"ע.

ווי באקאנט האט דער רבי זי"ע שווער געהערט, ער פלעגט אסאך מאל איבער פרעגן 'הַא'... און ביי דעם שפיל איז אסאך מאל אויסגעקומען אז דער רבי האט נישט דערהערט וואס די קינדער-שפילער האבן געזאגט, האט דער רבי זי"ע אלץ איבער געפרעגט פון יבלח"ט רבינו שליט"א **"וואס האבן זיי געזאגט?"** און רבינו שליט"א האט איבער געזאגט דעם זאץ.

ב. דערנאך זענען ארויפגעקומען אויפן טיש עטליכע ארץ ישראל אידן, צווישן זיי הרה"ח ר' אברהם גראהמאן ז"ל, ער האט זייער שיין און פלינק געטאנצן, ער פלעגט אויסטוהן די שיך און טאנצן דעם 'ירושלימ'ער טאנץ' (הנקרא קעדאטשקע) מיטן באקאנטן ניגון וואס מ'זינגט אין וויזניץ אויף 'מהרה ה' אלקינו ישמע בערי יהודה', עס איז געווען גאר לעבעדיג אין ביהמ"ד. היות שושן פורים איז דאך לזכרון ירושלים, האבן זיי געטאנצן און געזינגען 'יבנה המקדש'.

ג. איינמאל האבן זיי געזינגען דעם באקאנטן ניגון פון די 'נטורי קרתא' "ה' הוא מלכינו ולו אנו עבדים", אבער רוב ציבור האט נאך דעמאלט נישט געקענט דעם ניגון, האט דער רבי געפרעגט "וואס מ'זינגט" אבער מ'האט נישט געוואוסט וואס צו ענטפערן.

נעבן רבי'ן איז געשטאנען דער משב"ק הרה"ח רבי עזריאל גליק ע"ה האט דער רבי אים געפרעגט "וואס זענען די ווערטער?" אבער ער האט אויך נישט געוואוסט, איך בין דעמאלט נאך געווען א יונגל און געשטאנען נעבן ר' עזריאל האט ער מיך געפרעגט צי איך קען עס, האב איך געזאגט 'יא', האט ער מיר ארויפגעשטעלט נעבן רבי'ן אז ווען די אידן זינגען זאל איך מיטזאגן הויעך די ווערטער אז דער רבי זאל עס הערן, וכן הוה איך האב הויך געזאגט די ווערטער און דער רבי האט מיר אויסגעהערט מיט הנאה...

ד. אנהייב יאר תשכ"א איז דער סקולענער רבי **בעל נועם אליעזר** מיט זיין זוהן **כ"ק מהרי"א ז"ל** ארויסגעקומען פון רומעניען, זענען זיי יענעם יאר געקומען צום רבי'ן מיטהאלטן דעם שושן פורים טיש. דער רבי האט מכבד געווען דעם סקולענער רבי'ן מיט א ניגון, האט ער געפרעגט דעם רבי'ן אויב ס'איז אויך גוט אז זיין זוהן רבי ישראל אברהם זאל זינגען, דער רבי האט געגעבן רשות, און דער סקולענער רבי (מהרי"א) איז ארויף אויפן טיש און אנגעהויבן זינגען א נייעם ניגון אויף "ליהודים היתה אורה ושמחה". ער איז געלאפן כדרכו ארויף און אראפ מיטן פנים צום רבי'ן און געפאכעט מיטביידע הענט זינגענדיג דעם נייעם ניגון, און געוויזן אז דער עולם זאל מיטזינגען, אבער דער עולם האט געוויזן אז מ'קען עס נישט, האט ער עס איבער געזינגען דעם ניגון ביז דער עולם האט אנגעהויבן מיטזינגען און דער בית המדרש האט געדינערט, דאס איז דער באקאנטער **'ליהודים ליהודים היתה היתה אורה'.**

ז' תה) עס דערציילט אונזער זיידע
**הרה"ג ר' יעקב לייב מארקאוויטש שליט"א**

## הלכה ברורה ומשנה ברורה

בימי בחרותי בין איך געווען מיט נאך בחורים ביי **הגאון רבי פינחס הירשפרונג ז"ל אב"ד מאנטריאל**, אין ליובאוויטשער קעמפ 'גן ישראל', און ער האט מיט אונז געשמועסט אין לערנען אין מסכת סנהדרין. און ער האט שטארק הנאה געהאט. און ער האט געזאגט פאר די ארומיגע ליובאוויטשער בחורים "די סאטמארע בחורים קענען פיין לערנען".

נאכדעם וואס מיר האבן אים געזאגט אז מיר האבן א שיעור אין ספה"ק ויואל משה אין די לעיקוואדער ישיבה, האט ער אונז געזאגט מיט א מורא'דיגע התרגשות "די תשובה וואס דער רבי האט מיר געשריבן (חלק מספה"ק ויואל משה מאמר ג') "דאס איז ממש מיין חיות".

ב. איך האב אמאל געפרעגט פון **מו"ר הגאון ר' שניאור קאטלער ז"ל ראש ישיבת לעי'וואד** אויב עס איז אמת וואס מ'זאגט אז זיין פאטער הג"ר אהרן ז"ל האט גערעדט אויפן ספה"ק "ויואל משה", האט ער געזאגט "חס ושלום, ער האט קיינמאל נישט גערעדט אויפן ספר, נאר ווען מ'האט געברענגט דעם ספר אין די ישיבה, האט מען דאס געלייגט אינעם אוצר פון די 'מוסר ספרים' נישט צווישן אלע אנדערע ספרים, זאגנדיג "היות מיר קענען נישט דאס פאלגן להלכה ולמעשה, קענען מיר דאס נישט האלטן צווישן די ספרי הלכה".

ווען איך האב דאס איבערגעזאגט פאר רבי פינחס האט ער מיר געזאגט **"דער ספר ויואל משה איז אן הלכה ברורה ומשנה ברורה במקום אחד".** (א.ה. הלשונות אינם מדויקים, בהיות שכבר חלפו מ' שנים, והדברים נשארו רק בזכרון ולא נרשמו בשעתם, אבל ככה הם תוכן הדברים בערך).

נתנדב לכבוד השמחה בבית מו"ח הרה"ג ר' **יואל הלוי** (בר"מ) **ווערצבערגער** שליט"א • לרגל שמחת נישואי בנו החתן המו"מ **יוסף אלי'** הי"ו • ע"י חתניו שיחי'